טבת תשפ"ג לפ"ק

# מפת גבולי העירוב

## לשכונות

## Country Hollow - Jefferson - Highland Lake Estates




## עירוב גרעניצן

די עירוב נעמט ארום די גאנצע שטח וואס איז קאלירט אינעם מאפע. די עירוב לויפט בעיקר אויף די עלעקטעריק שטאנגען, דערפאר איז דא גאסן וואס זענען אינעם היקף פונעם עירוב און דערפאר מעג מען דארט טראגן. ווי אויך איז דא גאסןביים גרעניץ וואס זענען אינדרויסן פונעם היקף אין דערפאר מעג מען נישט טראגן אויף די גאסן.

**[1]** אויף Schunnemunk Rd קען מען טראגן פון Apple Hill Rd אויף די גאנצע וועג ביז קרית יואל.

**[2]** אבער די פארקערטע וועג טאר מען נישט טראגן פון די אריינגאנג צום פארק ביז סוף גאס - Ridge Rd.

**[3-4]** **נעמט אין אכט:** די איינציגסטע אופן וואס מ'קען טראגן פון די Jefferson St געגענט צו די Country Hollow געגענט איז נאר דורך **[3]** Ridge Rd און Owens Dr, אבער מ'טאר נישט טראגן דורך **[4]** Schunnemunk Rd.

**[5]** אויף Ridge Rd מעג מען טראגן פון Schunnemunk Rd ביז Jones Dr ביים קארנער פון Jones Dr און Ridge Rd **דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן** צו בלייבן א גאנצע צייט אינעם עירוב, דערפאר ווען מ'גייט דארט אריבער זאל מען נאר וואקן ביז די עלעקטריק ווייער'ס און נישט ווייטער, ווייל די עלעקטריק ווייער'ס דארט איז די עירוב.

**[6]** County Route 105 פון Ridge rd און ווייטער, ווי אויך State Route 32, זענען אינדרויסן פונעם עירוב, און מ'טאר דארט נישט טראגן.

**[7]** Ridge Rd פון קארנער Seven Springs Rd ביז קארנער County Route 105, אזוי אויך Seven Springs Rd פון קארנער Ridge Rd ביז קארנער Bakertown Rd, און אזוי אויך אויף County Route 105 פון Ridge Rd ביז Roselawn Rd, איז אינדרויסן פון אונזער עירוב, אבער ס'איז אין די עירוב פון ק"ק בלובערי לעין, אזוי אויך אויף County Route 105 פון Roselawn Rd ביז Acres Rd איז אין די עירוב פון וואדבורי דזשאנקשאן, און טראגן דארט איז נאר על סמך פון יענע עירוב.

**[8]** ביים קארנער פון Ridge Rd און County Route 105 **דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן** צו בלייבן א גאנצע צייט אינעם עירוב, דערפאר ווען מ'גייט דארט אריבער זאל מען נאר וואקן ביז די עלעקטריק ווייער'ס און נישט ווייטער, ביים גיין אויף די ברידזש דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן זיך צו האלטן **איינגאנצן** אויף די **רעכטע** זייט [קומענדיג פון היילענד עיסטעיטס].

## הוראת שימוש

די עירוב נעמט ארום די גאנצע שטח וואס איז קאלירט גרין און געל, און מ'מעג טראגן אויף אלע גאסן וואס זענען אין די שטח.

ביידע שטחים זענען בעצם איין עירוב מיט צוויי עקסטערע הקיפים אז אפילו אויב איינס ווערט פסול זאל מען נאך מעגן טראגן אין די אנדערע עירוב.

די גאסן ווי די עירוב לויפט איז אנגעצייכט מיט די גרינע און רויטע קאליר, דארט ווי די גאס איז גרין מעג מען טראגן אויפן גאס, און מ'דארף זיין געווארנט נישט צו טראגן אויף די גראז ביי די דרויסנדיגע זייט פונעם גאס. די גאסן וואס זענען קארלירט רויט איז די גאס אינדרויסן פון די עירוב און מ'טאר דארט נישט טראגן.

לתועלת הציבור האט מען ארויף געלייגט אויף די מאפע די עירובין וואס גרענעצן זיך מיט אונזער עירוב, מיט די בלויע קאליר, די עירוב צווישן Seven Springs און County Route 105 איז ק"ק בלובערי לעין, און פון County Route 105 און ווייטער איז בהשגחת ק"ק Woodberry Junction, די גאסן וואס האבן די קאליר בלוי, איז אונטער די אנדערע עירובין, און טראגן דארט איז על סמך אין נאכן מברר זיין די גרעניצן און סטאטוס פון די עירובין.

די עירוב איז בהשגחת הרה"ג **ר' שמעון דייטש** שליט"א אב"ד קאנטרי האלאו.

די נאמבער צו הערן כשרות העירוב [ערש"ק נאכמיטאג נאכן בדיקת העירוב] איז:

**845.85.10930**

845.587.8494